## קאַפּיטל פופצן

# „הײנט" אין גאַליציע

ווי אַזוי צו געווינען דעם לייענער אין גאַליציע איז געווען איינע פון די שווערסטע און פאַרוויקלטסטע אויפגאַבעס, פאַר וועלכע „הײנט" איז געשטעלט געוואָרן אַזוי שנעל ווי עס איז אַנטשטאַנען די פּוילישע מלוכה.

אויף דער פּוילישער טעריטאָריע האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן פריער געלעבט אונטער דער רוסישער הערשאַפט, און די יידן פון גאַליציע, וואָס האָבן געהערט צו דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע. עס איז אויפגעקומען איין גרויסער קאָמפּאַקטער יידישער ציבור, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו איבער 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. צוליב דער איזאָלאַציע פון רוס־לענדישן יידנטום איז דאָס פּוילישע יידנטום געוואָרן דער וויכטיקסטער נאַציאָ־נאַל־שעפערישער עלעמענט פון וועלט־יידנטום, דער צווייטער לויט דער צאָל ישוב נאָך דעם אַמעריקאַנער יידנטום, אָבער אָן ספק דער ערשטער אין זין פון דעם אַנטשלאָסענעם ווילן ווייטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פון דער יידישער טראַדיציע און קולטור. אויף דער דריי־מיליאָניקער מאַסע יידן האָט געוואָרט די אויפגאַבע קאָנסאָלידירט צו ווערן אין אַ צילבאַוווסטע, אָרגאַניזירטע, נאַציאָ־נאַלע קערפּערשאַפט. דאָס איז לגמרי נישט געווען לייכט דורכצופירן.

דער גאַליציאַנער ייד האָט געלעבט אין אַ גאָר אַנדערן פּאָליטישן קלימאַט, אין אַן אייגענער קולטורעלער סביבה און ספּעציפישע ווירטשאַפטלעכע באַדינ־גונגען, ווי זיין ברודער פון יענער זייט גרענעץ אין קאָנגרעס־פּוילן. דאָס זיינען געווען צוויי וועלטן. להיפוך צו די רוסישע יידן, וואָס האָבן געשמאַרצט אונטער דעם רעאַקציאָנערן צאַרישן רעזשים, האָבן די יידן אין גאַליציע געלעבט אונטער דעם גוטגינציקן קיר"ה, דעם „מלך חסיד" קייזער פראַנץ יאָזעף (זע קאַפּ. 7). אין אינערלעך־יידישן לעבן האָבן די חסידישע הייף, מיט די דינאַסטיעס, די אייניקלעך און די אַלערליי אַנדערע מקורבים געהאַלטן זייער האַנט אויף אַ באַדייטנדיקן טייל פון גאַליציאַנער יידן. דער איבערוועגנדיקער טייל פון די יידן דאָרט איז אָבער געווען נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניק און ציוניסטיש געשטימט. די מאַסן זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם רייכן, אָריגינעלן צושטייער פון די אָרטיקע קולטור־שעפערס. קיין שום אַנדערער יידישער ישוב האָט נישט געהאַט אַזאַ גרויסע צאָל דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ, ווי אין גאַליציע. אפילו די אינטעלעקטואַלן און די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער פּוילישער קולטור, זיינען געווען אַסימילירט מער שפּראַכ־לעך, ווי נאַציאָנאַל, על־פּי רוב זיינען דאָס געווען גוטע יידן און ציוניסטן,

פֿאַרבונדן מיט די פֿאָלקסמאַסן און זייערע אידעאַלן און האָפֿענונגען.

גאַליציע, איבערהויפּט מזרח־גאַליציע, האָט זיך גערעכנט פֿאַר איינע פֿון די צום מיינסטן צוריקגעשטאַנענע פּראָווינצן אין דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע. די באַפֿעלקערונג איז דאָרט געווען אָרעם, די ווירטשאַפֿטלעכע לאַגע פֿון די ייִדן נישט גינסטיק. ייִדן האָבן געהאַט פּרנסה קוים בצמצום, די אַרבעטס־לאָזיקייט איז געווען גרויס, מיט גאָר שוואַכע אויסזיכטן, אַז די לאַגע וועט ווערן בעסער. גאַליציע איז בכלל געווען הינטערשטעליק אין אַ סך הינזיכטן. די צענטראַלע רעגירונג אין ווין פֿלעגט גאַליציע באַטראַכטן ווי אַ ווייטע, פֿאַר־וואָרפֿענע, אָפּגעשטאַנענע פּראָווינץ. די באַאַמטע זיינען דאָרט געווען ווייניק קוואַליפֿיצירטע, טעמפּע, נישט־אינטעליגענטע ביוראָקראַטן, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעטויגט ערגעץ אַנדערש, אין די מער פּראָגרעסיווע מערב־טיילן פֿון דער אימפּעריע. אַ נאָמינאַציע אויף אַ פּאָסטן קיין גאַליציע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פֿאַרשיקונג קיין סיביר. די אויפֿזיכט־מאַכט איז געווען ווייט, דער פּשוטער בירגער האָט נישט געהאַט קיין אויסזיכטן אָנצוקומען אַהין צו קלאָגן זיך, האָבן די באַאַמטע געהערשט לויט זייער איינזען. אין דער פּראָווינץ האָט פּאַקטיש געהערשט אַ הפקרדיקער פּאָליציי־רעזשים. די פּוילישע רעגירונג האָט גע־ירשנט דעם דאָזיקן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, אָבער האָט גאָרנישט געטאָן צו פֿאַרבעסערן די לאַגע. פֿאַרקערט, די צענטראַלע רעגירונג אין וואַרשע האָט פֿאַרמאַכט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט. ערשט דער שטייגער־פּראָצעס האָט אַנטפּלעקט פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט ווי ווייט מאָראַליש קאָרומפּירט און פֿאַרפֿוילט די אַדמי־ניסטראַציע איז געווען אין מזרח־גאַליציע. מיר שרייבן מער אויספֿירלעך וועגן דעם אין קאַפּיטל 16.

די ייִדן אין מזרח־גאַליציע האָבן נאָך געהאַט אַן אַנדערע שווערע מניעה, וואָס האָט נישט זעלטן אָנגענומען געפֿערלעכע עקספּלאָזיווע פֿאָרמען. זיי האָבן געמלעך געלעבט ווי אויף אַ ווולקאַן, צווישן האַמער און קאָוואַדלע, אין דעם ים פֿון דער נאַציאָנאַל באַוווסטזיניקער, קעמפֿערישער אוקראַיִנישער פּראָוואָס־לאַווונער מערהייט (אויסער דער שטאָט לעמבערג), אויף דעם אינדזל פֿון דער קאָנסערוואַטיווער, אויב נישט רעאַקציאָנערער, פּויליש־קאַטוילישער מינדערהייט. די אוקראַיִנער האָבן אין די ייִדן געזען פּאָלאָניזאַטאָרן, פּאָליאַקן האָבן געהאַט טענות, אַז ייִדן זיינען נישט גענוג לאָיאַל. אין 1918 האָט אָט דער נישט זיכערער מצב דערפֿירט צו דעם פּאָגראָם אין לעמבערג, וועגן וועלכן מיר שרייבן אין קאַפּיטל 4.

נישט געקוקט אויף די ווייט נישט־גינסטיקע אומשטאַנדן, האָבן די ייִדן אין גאַליציע געהאַט אַ רייך קולטורעל און געזעלשאַפֿטלעך לעבן. זיי זיינען טאַקע געווען אָרעם, זייער עקאָנאָמישע באַזע איז געווען שוואַך, פּאָליטיש האָבן זיי זיך געפֿילט באַדראָט, פֿון דעסטוועגן האָבן זיי אַרויסגעבראַכט אַ מחנה אויסגעצייכנטע קינסטלערס.

רוסישע יידן, און אפילו די יידן אין שכנותדיקן קאָנגרעס־פוילן, האָבן געהאַט א שוואַכן באַגריף וועגן זייערע ברידער פון יענער זייט גרענעץ, וואָס האָבן זיך אָריענטירט און געפילט באַהאַפטן מיט די יידן אין די אַנדערע פּראָווינצן פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, אין טשעכיע, אונגאַרן און בוקאָווינע. עס האָט געדאַרפט נעמען צייט, עס האָט געפאָדערט פאַרשטענדעניש און גוטן ווילן פון ביידע ישובים, ביז זיי האָבן געפונען דעם וועג צו אַ גייסטיקן, פּאָליטישן און סאָציאַלן צוזאַמענלעבן אין די נייע מלוכישע באַדינגונגען. אַנדערש האָט נישט געקאָנט צושטאַנדקומען זייער קאָנסאָלידאַציע, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט, אַז די פּוילישע יידן אין דער צווישן־מלחמה־תקופה זאָלן אַזוי פיל צושטייער געבן צו דעם קולטור־אוצר פון אונדזער פאָלק.

די שרייבערס פון „היינט" האָבן געדאַרפט מאַכן אַ גרויסן אָנשטרענג אַרייַנצודרינגען אין דער „גאַליציאַנער מענטאַליטעט", פאַרשטיין „נוסח גאַליציע", איידער זיי האָבן געקענט האָפן צו פאַראינטערעסירן די גאַליציאַנער יידן אין דער צייטונג. דאָס האָט געפאָדערט גרינטלעכע פּלאַנירונג און אַ באַדייטנדיקע געלט־אינוועסטיציע. דער גאַנצער פאַרלאַג, די רעדאַקציע און די אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַקציע.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז „גאַליציאַנער" שרייבערס וועלן בעסער פאַרשטיין וואָס עס קען אינטערעסירן דעם „גאַליציאַנער" יידן, האָבן די פירערס פון דער צייטונג זיך מיישב געווען מיט אָנגעזעענע לאָקאַלע עסקנים ווי אַזוי צו מאַכן דעם „היינט" אַטראַקטיוו פאַר דעם לייענער אין גאַליציע. אַרטיקע באַקאַנטע שרייבערס און פּאָליטישע פירערס זיינען פאַרבעטן געוואָרן צו שרייבן און מיט דער צייט געוואָרן מיטגלידער פון דער „היינט"־משפחה. וועגן דעם חשובסטן, ד״ר יהושע טהאָן, האָבן מיר געשריבן אין קאַפּיטל 8, אַנדערע, די פּובליציסטן, היסטאָריקערס, בעלעטריסטן, פּאָעטן ווערן דערמאָנט אין די קאַפּיטלעך 12 און 13.

גלייכצייטיק איז אין גאַליציע איינגעשטעלט געוואָרן אַ נעץ פון אייגענע קאָרעספּאָנדענטן. דער וויכטיקסטער איז געווען בן־ציון גינסבערג (ב. צעגראַווסקי) אין לעמבערג. אַ געבוירענער אין ראַוואַ־רוסקאַ (1893), איז ער דערצויגן געוואָרן אין אַ חסידישער היים און איז פון די יינגסטע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט אָנגעהויבן פרי שרייבן אין דער גאַליציאַנער יידישער פּרעסע און געווען מיטרעדאַקטאָר פון „לעמבערגער טאָגבלאַט". ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון „היינט", האָט ער אין זיינע אַרטיקלען זיך באַמיט אָפּצושפּיגלען דאָס יידישע לעבן אין גאַליציע. אין דעם „היינט"־יובילעי־בוך 1908—1928 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ גרינטלעכע אַרבעט „דאָס גאַליציאַנער אידענטום אויפן שייד־וועג" (ז״ז 103—105). ער גיט אַ געשיכטלעכן אַנאַליז פון דער סאָציאַלער סטרוקטור, דעם פּאָליטישן לעבן און די קולטור־דערגרייכונגען פון דעם גאַליציאַנער יידישן ישוב און שטרייכט אונטער, אַז „היינט" האָט געשאַפן

די פּאַפּירענע בריק פאַרן דערנענטערן די יידן פון גאַליציע מיט די יידן פון די אַמאָליקע רוסיש-פּוילישע פּראָווינצן. ער פירט אויס: ...„און זאָל עס נישט ווערן באַטראַכט ווי אַ ביליקער קאָמפּלימענט, נאָר ווי אַ פאַרדינטע אָנערקענונג פאַרן „היינט" צו זיין איצטיקן יובל, וואָס, ווי אַ יידישע צייטונג פאַרן פּוילישן יידנטום, האָט זי פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דעם גייסטיקן ווערט פון גאַליצישן יידנטום און שענקען אים די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט. דערפאַר האָט „היינט" איצט די געהעריקע השפעה אויף די גאַליצישע יידן, וואָס האָט באַדייטנדיק געענדערט זייער „מענטאַליטעט".

אין דער ערשטער ריי האָט „היינט" אויפגעהאַלטן דעם שטראָם פון שפּראַכ-לעכער אַסימילאַציע אין גאַליציען, וועלכער ווערט איצט צוריקגעשטויסן. גאַלי-צישע יידן, וועלכע האָבן אפשר בעל כּרחם זיך דערווייטערט פון יידישן וואָרט, האָבן צוריק געוווּנען ליימענען יידיש, דער היגער ייד האָט באַקומען אַ צייטונג, וואָס אַנטשפּרעכט זיינע פאָדערונגען, וואָס ער קאָן נישט געפינען אין אַ נישט-יידישער צייטונג. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך אויסגעלערנט יידיש אויפן „היינט". דערין ליגט אַ גרויסער נאַציאָנאַלער און דערציערישער פאַרדינסט מצד דער צייטונג ווי אַ באַקעמפערין פון אַסימילאַציע.

„היינט" האָט באַקאַנט געמאַכט דעם גאַליצישן ייד מיט די שטרעבונגען אין פּוילישן יידנטום און ביי אים אַרויסגערופן אַן אינטערעס פאַרן גאַנצן יידישן כּלל אין פּוילן, אָן חילוק פון פּראָווינץ. די גרויסע פּאָפּולאַריטעט פון „היינט" אין גאַליציען באַווייזט זיין אומגעהויערע השפעה".

בן-ציון גינסבערג איז אומגעקומען בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

סענאַטאָר ד"ר מיכאל רינגעל (1880 — ?), באַגריסנדיק דעם „היינט" צו זיין 30-יאָריקן יובילעי, האָט צוו' אַנד. אויך אונטערגעשטראָכן די וויכטיקע ראָלע, וואָס די צייטונג האָט געהאַט אין באַקעמפן די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון די פּוילישע יידן און אין שטאַרקן דאָס יידיש-נאַציאָנאַלע באַוווּסטזיין. אויסצוגן פון ד"ר רינגעלס אַרטיקל וועט דער לייענער געפינען אין צווייטן טייל.

דער הויכער ניווֹא פון „היינט" איז געווען נאָענט צו די גאַליציאַנער יידן. די צייטונג האָט זיי דערמאָנט די אויסגעצייכנטע ווינער דייטשישע צייטונגען „נויע פרייע פּרעסע" און „נויעס וויענער זשורנאַל", וואָס זיינען געווען פאַר-שפּרייט אין גאַליציע פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה און אויך שפּעטער, אין פרייען פּוילן.

גאַליציע איז געוואָרן איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע צענטערס פאַרן „היינט". די לאָקאַלע יידישע פּרעסע האָט נישט געפונען איר וועג אין דער פּוילישער מלוכה. זי איז געווען צו ווייט פון וואַרשע און פון דער טעטיקייט פון די צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס. און די אַנדערע צייטונגען אין וואַרשע האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צופּאַסן צו די באַגריפן און נויטן פון די

„גאַליציאַנער". מען האָט זיי אין גאַליציע כמעט ווי נישט אָנגעזען. „היינט" האָט דאָמינירט.

די אַדמיניסטראַציע פון „היינט" האָט געהאַט איר חלק אין דעם דערפאָלג פון דער צייטונג אין גאַליציע. פּראַקטיש האָט דאָס געמיינט געפינען נייע אַבאָנענטן, אַ טראַדיציאָנעלע זאָרג פאַר דער געשעפטלעכער אָנפירונג פון יעדער צייטונג. אין צווייטן טייל ברענגען מיר זכרונות פון דעם „היינט"־אַדמיניסטראַטאָר יוסף־לייב לעבענבוים וועגן די שוועריקייטן, וואָס די צייטונג האָט בכלל געהאַט אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ ווען זי האָט געדאַרפט אַנטוויקלען דעם קאָלפּאָרטאַזש אין דער פּראָווינץ, נישט האָבנדיק פאַר דעם צוועק קיין צייטונג־אַגענטן. לעבענבוים האָט געמוזט שאַפן אַ יש־מאין. אויך זלמן זילבער־צוויג דערציילט אין זיינע זכרונות ווי שווער עס איז געווען צו געפינען אַגענטן פאַר פאַרשפּרייטן יידישע צייטונגען אין לאָדזש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער דערפאָלג פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון „היינט" אין גאַליציע איז געווען דער פאַרדינסט פון איין מענטש, שלמה צוקער (1900 — 1942). ער האָט געאַרבעט אין „היינט" ווי אַ רייזנדער אינספּעקטאָר פון די צייטונג־אַגענטן אין דער פּראָווינץ און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ העכסט־עפעקטיוון אָרגאַניזאַטאָר. ער איז געווען ענערגיש, אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געזוכט פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן איינצושטעלן ווי אַגענטן פון „היינט" און די אַנדערע אויסגאַבעס פון פאַרלאַג. די אַגענטן האָבן געהאַט שיין פּרנסה און דער קאָלפּאָרטאַזש איז געוואַקסן.

שלמה צוקער איז געווען פאַרליבט אין „היינט". באמונה שלמה האָט ער געגלויבט, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערע טאָגצייטונג ביי יידן און האָט געאַרבעט בלב־ונפש צו פאַרשפּרייטן זי.

יעדעס מאָל ווען ער פלעגט צוריקקומען פון אַן אינספּעקציע אין גאַליציע פלעגט ער דערציילן חידושים וועגן דער חכמה, אינטעליגענץ און דעם שטייגער־לעבן פון די גאַליציאַנער יידן. ער פלעגט אויך אינפאָרמירן וועגן זייערע פּראָב־לעמען, וואָס „היינט" דאַרף צו זיי נעמען שטעלונג אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג. אין יובל־בוך 1908—1938 האָט צוקער געדרוקט אַן אַרטיקל „ווי אַזוי „היינט" האָט איינגענומען גאַליציע".

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז שלמה צוקער אַוועק פון וואַרשע אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון ווילנע. אַ דאַנק זיינע רייזעס פאַרן „היינט" האָט ער אין דער פּראָווינץ פריינד געהאַט און געהאָפט, אַז עס וועט אים גע־לינגען צו געפינען ערגעץ אַ רויִק אָרט איינצואָרדענען די פרוי און טאָכטער, האַלינקאַ, וואָס זיינען געבליבן אין וואַרשע וואַרטן אויף אַ וואָרט פון אים. צוקער איז געווען זייער אַן איבערגעגעבענער מאַן און פאָטער. אין מיטן וועג האָט ער גענומען טראַכטן, אַז עס קען טרעפן, אַז ער וועט מער זיך נישט

זען מיט דער משפּחה און חרטה געהאַט אויפֿן גאַנצן עסק. ער איז דערגאַנגען נישט ווײַטער ווי ביז מאַלקין און אומגעקערט זיך קיין וואַרשע. אין געטאָ האָט ער געליטן נויט און געטאָן פֿאַרשיידענע אַרבעטן. אַ צײַט האָט ער געהאַנדלט מיט ברויט.

שלמה צוקער איז אומגעקומען מיט דער פֿרוי און טאָכטער אין וואַרשעווער געטאָ. די גענויע דאַטע און אומשטאַנדן זײַנען נישט באַקאַנט.